## זיכערהייט עצות

- לעשט אויס אלע ליכט ביים ארויסגיין פון די שטוב אדער פארן גיין שלאפן.
- האלט ליכט אוועק פון זאכן וואס קענען זיך אנכאפן אין פייער (אזוויווי קליידונג, ביכער, פאפיר, פירהענג, קריסטמאס ביימער, ברענבארע דעקארירונגען). געדענקט די 2 פיס רינג פון זיכערהייט.
- פארמיידט ליכט מיט ברענבארע זאכן אריינגעבויט אין אדער ארום זיי.
- לאזט קיינמאל נישט אפגעשניטענע קנויטן, שוועבלעך אדער אנדערע מאטריאלן אין די ליכט אדער האלטער.
- נוצט נאר שטארקע ליכט האלטערס געמאכט פון נישט-ברענבארע מאטריאלן.
- לייגט ליכט האלטערס אויף א נישט אנגעלייגטע פלאץ. נוצט נישט ליכט אין פלעצער וואו זיי קענען ווערן איבערגעקערט דורך קינדער אדער שטוב באשעפענישן.
- האלט שוועבלעך, צינדערס און ליכט הויך אויבן וואו קינדער קענען נישט צוקומען.
- לאזטקיינמאלקינדאןאויפזיכטאיןאשטוב מיט א ליכט.
- ערלויבט נישט קינדער אדער צענערלינגען צו האבן ליכט אין זייער שלאפצימערן/ שלאפן פלעצער.
- האלט ליכט און אלע אפענע פלאמען אוועק פון ברענבארע פליסיגקייטן.
- לייגט נישט אנגעצינדענע ליכט אין פענסטערס וואו בליינדס, פירהענג און באצירונג בילדער, קענען זיך אנכאפן אין פייער. פארמיידט אפענע פענסטערס וואו ווינטן קענען פאראורזאכן ליכט קנויט פלאמען איפצופלאקערן.
- וואטיוואו און קאנטעינער ליכט זאלן ווערן אויסגעלאשן פאר די לעצטע האלבע-אינטש פון קנויט הייבט זיך אן צו צולאזן.

# געדענקט אלעמאל אייער גרונטליכע היים פייער זיכערהייט פראגראם:

- האט סמאוק דיטעקטערס וואס ארבעטן.
- האט און פרובירט אויס א היים פייער אנטלויף פלאן.
- גייט ארויס! בלייבט אינדרויסן!


New York State Homeland Security and Emergency Services

**אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל**
Harriman State Office Campus
1220 Washington Avenue
Building 7A, Floor 2
Albany, NY 12226
**www.dhses.ny.gov/ofpc**


# ליכט פייער
## זיכערהייט




New York State Homeland Security and Emergency Services | Fire Prevention and Control

## ליכט ווערן שוין נישט גענוצט נאר פאר די געווענליכע נאכטמאל פארברענג.

פאקטיש, הייבן זיך אן נאר א קליינע פראצענט פון ליכט פייערס אין עס-צימערן. פאמיליעס צינדן ליכט אין זייערע ליווינג רומס, שלאפצימערן, דענס און באדע-צימערן. ליכט פארקויפונגען זענען זייער שטארק, מיט ליכט באנוץ שטייגנדיג פינף-פאכיג אין די לעצטע 10 יאר אליין. באהאנדלען פייערס זיכערערהייט איז קיינמאל נישט געווען וויכטיגער ווי יעצט...
הויז פייערס זענען געפאלן 50% פון 1980 צו 1998, בשעת הויז פייערס פאראורזאכט דורך ליכט זענען געשטיגן 31.4% פאר די זעלבע צייט אפשניט.

**די נומער פון מענטשן געהרגעט דורך הויז פייערס אנגעהויבן דורך ליכט איז געפערליך געשטיגן** איבער די לעצטע צוויי צענדליג יארן. נאציאנאל, זענען טויט-פעלער פון ליכט-פארבינדענע פייערס געשטיגן 88.2% צווישן 1980 און 1998. אין מערטנס פעלער, האבן ליכט אן אויפזיכט פאראורזאכט יענע טויטליכע פייערס. אין 1998, זענען ליכט פייערס געווען שולדיג פאר 6 פראצענט פון אלע פייער טויטפעלער.

## וואו הייבן זיך ליכט פייערס אן?

**נאנט צו האלב פון אלע ליכט פייערס** הייבן זיך אן אין די שלאפצימער, מיט מאטראצן אדער אנדערע בעטגעוואנט זאכן די מערסטע מעגליך ארויפצוגיין אין פלאמען.

- 44% הייבן זיך אן אין שלאפצימערן
- 19% הייבן זיך אן אין ליווינג רומס אדער דענס
- 11% הייבן זיך אן אין באדע-צימערן
- 7% הייבן זיך אן אין א קאך
- 4% הייבן זיך אן אין עס-צימערן

## גרויסע אורזאכן פון היים ליכט פייערס:

- 36% זענען געשען ווייל ליכט זענען איבערגעלאזט געווארן אן אויפזיכט, פארלאזט, אדער נישט גענוג באאבאכטעט.
- 18% זענען געשען ווייל עפעס א סארט פון ברענבארע מאטעריאל איז איבערגעלאזט געווארן צו נאנט
- 9% האבן זיך אנגעהויבן דורך קינדער וואס האבן געשפילט מיט ליכט

## קינדער ווערן נאטורליך צוגעצויגן צו די פארשידענע קאלירן און פארעמס פון ליכט.

לויט די ניו יארק סטעיט פייער אדמיניסטראטאר Francis J. Nerney איז קינדער שפילן מיט אדער נעבן ליכט אן אפטע אורזאך צו ליכט פייערס. ערפארונג ווייזט אונז אז די פייערס פאראורזאכן אפט טויט אדער ערנסטע שעדיגונגען צו יונגע קינדער.



## לאזט נישט קינדער שפילן מיט ליכט!

## געדענקט...




## ליכט דארפן פלאץ!

## אויך קאלעדזשעס . . .

שטארק געדעכטע לעבנס אומשטענדן אין מערסטנס קאלעדזש דארמיטאריס מאכן די באנוץ פון ליכט אן עקסטרעם געפארפולע פראקטיק. לעצטנס מער ווי אייביג, קומען אריין רעפארטס אין די גאנצע סטעיט פון ערנסטע פייערס פאראורזאכט דורך די נישט ריכטיגע באנוץ פון ליכט אין דארמיטארי צימערן. בשעת שולע איינגעשטעלטע פראבירן צו רעגולירן די באנוץ פון ליכט, קענט נאר איר פארמיידן א שרעקליכע פייער פון פארטיליגן אייער דארמיטארי צימער, דארמיטארי געביידע אדער פון אוועקנעמען אייער לעבן אדער די לעבן פון איינעם אנדערש.

## צינדט נישט אן ליכט אין דארמיטארי סארט אויסשטעלונגען!

נוצט ליכט קלוג. פאלגט אויס די ליכט פייער זיכערהייט עצות אויפן אונטערשטן זייט פון דעם פאמפלעט.

